


# תורת יואל


גליון מס' 57

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת וירא תשפ"ו


## וירא אליו ד' באלוני ממרא (י"ח א.)

דער מדרש (בראשית רבה מח א.) טייטש אויס א פסוק אין תהילים (קאפיטל י"ח) **ותתן לי מגן ישעך**: זה אברהם, **וענותך תרבני**: און השי"ת האט איהם פארמערט ענווה.

פרעגט דער מדרש מה ענוה הרבה הקב"ה לאברהם טייטש: וואספארא ענוה האט הקב"ה צוגעגעבן פאר אברהם? ענטפערט דער מדרש שהי' יושב והשכינה עומדת מיט דעם וואס הקב"ה איז געשטאנען בשעת אברהם איז געזיצן, דאס האט פארמערט ענווה ביי אברהם.

פרעגט דער רבי זי"ע, ווי אזוי לערנט דער מדרש ארויס פון דעם דיוק **ותתן לי** זה אברהם, נאך איז שווער דער צווייטע דרש, **וענותך תרבני**: מה ענוה הרבה לאברהם, לכאורה ווען הקב"ה שטייט און אברהם זיצט, דאס איז נישט קיין ענין פון ענווה, דאס ווייזט לכאורה אויף פארקערט.

אין מדרש שטייט (בראשית רבה כט ה.) אמר רבי סימון: מנין שהקב"ה עושה חסד עם הראשונים בזכות האחרונים, פון וואו ווייסן מיר אז השי"ת טוט חסד מיט א מענטש אין זכות פון זיינע שפעטער'דיגע דורות, **שנאמר: ונח מצא חן בעיני ד'**, באיזה זכות: בזכות תולדותיו, אין זכות פון זיינע קינדער, זעהן מיר, אז פון נח לערנט מען ארויס, אז הקב"ה טוט א חסד מיט א מענטש, אפי' ער אליינס איז נישט ראוי, אבער ער ווערט געהאלפן אין זכות פון זיינע קינדער און אייניקלעך.

והנה, אברהם אבינו איז געווען א גרויסער עניו, און געהאלטען באמת אז דאס וואס דער באשעפער אנטפלעקט זיך פאר אים, איז נאר אין זכות פון זיינע קינדער און שפעטערע דורות, וועגן דעם קומט דער פסוק, מודיע צו זיין: **וירא אליו ד'**, אליו דוקא אין זיין אייגענעם זכות.

דעס זעלבע זאגט דער מדרש, **ותתן לי מגן ישעך**, זה אברהם, אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער וואס האט זוכה געווען צו התגלות אלוקית אין זיין אייגענעם זכות, במילא איז אברהם געווען דער ערשטער צו קענען זאגן **ותתן לי** - אין מיין אייגענעם זכות, משא"כ נח האט נישט געקאנט זאגן **ותתן לי**, ווייל ער האט נאך געדארפט צו קומען צו די זכותים פון זיינע קינדער, כמבואר במדרש, איז שוין פארשטענדליך דער מדרש: ותתן לי מגן ישעך - זה אברהם.

די צווייטע קשי' ווערט פארענטפערט מיט א גמרא אין חולין (פט א.), חז"ל זאגן: **שדרך הצדיקים כל זמן שמקבלים גדולה הם מקטינים עצמם**, טייטש: ווען א צדיק באקומט א גרויסקייט, איז גורם ער זאל זיך האלטן נאכמער בענווה ווי פריער, **ונחשבים בעיני עצמם לכלום** און דער צדיק באטראכט זיך פאר גארנישט, דהיינו ער פאר זיך איז נישט ווערט די גרויסקייט.

במילא איז פארשטענדליך דער מדרש, מה ענוה הרבה הקב"ה לאברהם - שהי' יושב והשכינה עומדת, ווייל מיט דעם וואס הקב"ה האט פארמערט כבוד און גדולה פאר אברהם אבינו, מיטן לאזן אברהם זיצן ווען כביכול שטייט, האט אברהם מרבה - פארמערט ענוה, ווי די גמרא איז מסביר, אז א צדיק האלט זיך נאך קלענער ווען ער באקומט כבוד.

עס איז ידוע - באוואוסט - וואס דער בעל הטורים ברענגט פון חז"ל, אויפן פסוק **אלה תולדות השמים והארץ בהבראם** אותיות אברהם, **בזכות אברהם נבראו שמים וארץ**: אין זכות פון אברהם איז באשאפן די וועלט, **ובזכותו אנו קיימים** אין זיין זכות האט כלל ישראל א קיום, און דער הייליגער רבי ענדיגט זכותו יעמוד לנו עד סוף כל הדורות אמן.

## מעשיות פארציילט

**הרה"ח ר' יצחק דוד לאנדא הי"ו (ב)**

זומער אין איחוד קאנטרי, קומט דאוועגען א חשוב'ער תלמיד חכם, הרב קארשעפסקי, א אנגעזעהנער רב אין לעיקוואד, און ער האט מיר דערציילט, צוויי מעשיות וואס בדידיה הוה עובדא.

נאך זיין חתונה האט ער געווארט א סאך יארן געהאלפן צו ווערן בזש"ק, דאקטוירים האבן געזאגט, אז ער וועט קיינמאל נישט האבן קיין קינדער רח"ל, און די ל' יארן איז ער געפארן קיין קרית יואל אריינצוגיין מיט א קוויטל צום רבי'ן, ר' מאיר דייטש האט איבערגעזאגט פארן רבי'ן, וואס די דאקטוירים זאגן, דער רבי האט געזאגט ער זאל זיך אויסלאכן פון די דאקטוירים, און אנגעוואנטשען ווארימע ברכות.

ער זאגט מיר - דערציילט ר' יצחק דוד - אז ער איז געהאלפן געווארען צום יאר, ער האט געהאט טאקע נאר איין קינד, אבער א טשאטשקע פון א זוהן, פון דעם זוהן שעפט ער נחת ווי אנדערע פון צעהן, דער זוהן איז היינט א מגיד שיעור און א גרויסער משפיע אין ארץ ישראל, און האט א גרויסע משפחה קע"ה.

צווייטע מעשה, ער איז א איידעם ביי די תאומים משפחה, זיין שווער איז געווען א מגיד שיעור אין תורה ודעת, די משפחה איז געוואקסן האט ער געדארפט מער הכנסה, האט ער געוואלט גיין ארבעטן ביי די דיימאנטן.

פאר ער האט געטהון דעם שריט, איז ער אריין צום רבי'ן פרעגן, דער רבי גיט אים א פרעג, פון וואו האט איר איצט פרנסה? ענטפערט ער איך גיב א שיעור, האט זיך דער רבי צושמייכלט און געזאגט, פון היינט אן וועט איר האבן פרנסה **אן א שיעור**, און במשך הזמן געווארן א גביר אדיר.

## א קאפיטל היסטאריע

**גאונים - ראשונים - בעלי התוספות**

### רבינו יונה

**רבינו יונה החסיד מ'גירונדי**, איז געווען פון די ערשטע ראשונים, זיין טאטן'ס שוועסטער איז געווען די מאמע פון רמב"ן, אויך געווען א מחותן, רבי שלמה א זוהן פון רמב"ן איז געווען א איידעם ביים רבינו יונה.

ער האט מרביץ תורה געווען אין טולידא - ספרד, דער רשב"א ווערט פארעכנט אלס זיין תלמיד.

רבינו יונה האט געשריבן א ביאור אויפן רי"ף, און אויך די באקאנטע ספרים "**ספר היראה**" און "**שערי תשובה**".

אויך האט ער געשריבן א חיבור אויף **פרקי אבות** און **משלי**, ווי מ'זעהט אין רבינו בחיי, ווי ער לויבט אויס מיט געוואלדיגע שבחים, דעם איש קדוש וואס האט געשריבן אזא הייליגן חיבור, און האט באלויכטן די אויגען פון כלל ישראל.

זכותו יגן עלינו

**מ'שיעורי הרה"ג ר' שלמה יואל מאשקאוויטש שליט"א - בעמח"ס הלכה ומנהג**

## ידיעות קאלומן

מנהג | טעמו | ומקורו

### בגדי שבת - רעזשוואלקע (ב)

פון מנחת אלעזר שטייט, אז אנטוהן א רעזשוואלקע איז נישט קיין מנהג אדער א מדת חסידות, ס'איז א מצוה, מדיני כבוד שבת, חסידים ואנשי מעשה, פיהרן זיך צו גיין מיט א אויבער מלבוש, שב"ק צו יעדע תפילה, אלס כבוד שבת, תלמידי חכמים גייען א גאנצע וואך אזוי, ווייל א ת"ח איז בבחינת שבת.

בנוסף וואס מיר גייען מיט א מלבוש עליון - רעזשוואלקע צו קבלת שבת, האבן זיך חסידישע אידן געפיהרט אנצוטוהן די רעזשוואלקע פון <u>כניסת השבת ביז נאך קידוש</u> והטעם, אין שו"ת שם משמעון שטייט א טעם פארוואס צדיקים זענען זיך מתעטף בטלית פרייטיג צונאכטס, וויל ס'שטייט אין טור, אז ליל שבת דרייען זיך מזיקים, ווייל זיי זענען באשאפן געווארן ערב שבת בין השמשות, במילא האבן זיי רשות צו מזיק זיין, און שטייט פון אריז"ל, אז די שטערקסטע זאך דוחה צו זיין ד קליפות, איז א **אור המקיף**, מהאי טעמא איז מען זיך מתעטף בטלית, און פאר דעם זעלבן טעם, טוען מיר זיך אן א מלבוש עליון תיכף פון כניסת השבת, להבריח החיצונים לבל ירעו ולא ישחיתו.